THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
JUN 23 1931
ASTOR, LENOX AND TILDEN FOUNDATIONS

וועטער:
קלאר און ווארים

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910
PUBLISHED
DAILY

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST
THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 4.18.
זון אונטערגאנג — 8.38.

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21, No. 115. Winnipeg, Mon. June 15, 1931.
Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג
מאנטאג, ל' סיון, תרצ"א.

סענאטאר קאסגרעינס רעגיסטראציע ביל קריגט גרעסערע אנהיינגערשאפט

מאָרטימער שיף האָט איבערגעלאָזן א מיליאָן פאר צדקה

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ניו־יאָרק, יוני 15 (איטא).— דער פארשטאָרבענער מאָרטימער שיף האָט אפגעשריבן אין זיין צוואה וואס איז איצט געעפנט געוואָרן א מיליאָן דאָלאר פאר צדקה, אממייסטנס פאר אידישע אינסטיטוציעס.

די ניו־יאָרקער אידישע צדקה פעדעראציע אליין קריגט פון דעם א האלבן מיליאָן דאָלאר.

—(::)—

עדת־ישורון שול גיט 200 דאָל. פאר תלמוד תורה

די עדת־ישורון שול איז געווען איינע פון די ערשטע אפצורופן זיך ווי געהעריק אויף דעם רוף פון דער תלמוד־תורה פאר דעם אויסלייז פאנד.

אויף א פארזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער שול נעכטן איז איינשטימיק באשלאָסן געוואָרן בייצוטראָגן $200 פאר דעם פאנד.

האָגל גרויס ווי אייער פון קאטשקעס, פאלט אין אָנטעריאָ

טאָראָנטאָ, אָנט., יוני 15. — א שטורעם און א האָגל האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער פארשיידענע טיילן פון אנטעריא מיט אן אויסערגעוויינלאכער קראפט. האָגל איז געפאלן גרויס, ווי אייער פון קאטשקעס. דער שלאַגס רעגן האט פארפלייצט גאסן און פעלדער און אפגעוואשן וועגן. די דונערן און בליצן זיינען געווען פון זעלטענער שטארקייט. ארום אוראָרא אָנט., איז ארויסגעפאלן ארום 6 אינטשעס וואסער. אין טאראנטא גופא האט זיך דער שטורעם אויך דורכגעטראגן, אבער ניט מיט אזא קראפט.

—(::)—

500 אומגעקומען אין שיף אומגליק אין פראנקרייך

עקסקורסיע שיף קערט זיך איבער אין ים, און אלע פאסאזשירן, אויסער אכט, דערטרינקען זיך.

סט. נאַזעיר, פראנקרייך, יוני 15. — ארום 500 עקסקורסיאנעסטן, האט מען מורא, האבן פארלארן זייערע לעבנס, ווען די שיף אויף וועלכער זיי זיינען געפארן איז אונטערגעגאנגען אויפ'ן ים ארום 5 מייל פון דאנען. בלויז אכט פון אלע פאסאזשירן פון דער שיף זיינען דערווייל גערעטעט געוואָרן.

די שיף האט געפירט א גרויסן יום־טובדיקן עולם פון נאנט צום אינזל נוארמאטיע. צווישן די פאסאזשירן זיינען געווען א סך פרויען און קינדער.

א שקוואל (א גרויסע כוואליע) האט א קער געטאן די שיף באלד נאכמיטאג, און דער איבערגעשראקענער עולם פאסאזשירן האט זיך אין א פאניק א ווארף געטאן צו דער צווייטער זייט פון דעק. דאס האט אריבערגעוואוגן די שיף, און זי האט זיך איבערגעקערט, אריינווארפנדיק דעם מענשלאכן לאָד אין ים אריין.

די אכט זיינען גערעטעט געוואָרן פון שיפלאך וואס זיינען אין איילעניש ארויסגעשיקט געוואָרן פון די ברעגן. זיי זיינען געווען מער טויט ווי לעבעדיק, ווען מען האט זיי געבראכט צום ברעג.

דער שקוואל, דערציילן די לעבעדיק פארבליבענע, איז געקומען פלוצלונג, שווארץ ווי די נאכט. די פאסאזשירן זיינען אזוי ארומגעכאפט געוואָרן פון א פאניק, אז זיי האבן ניט געטראכטערהייט אלע א ווארף געטאן זיך צו דער צווייטער זייט שיף, איבערקערנדיק אזוי די שיף מיט זייער וואג.

די צאל פון די פאסאזשירן וואס זיינען אומגעקומען איז גענוי ניט באקאנט. די ערנסטע אפשאצונג איז ארום 500, אבער אנדערע גלייבן אז זייער צאל איז ניט געווען מער ווי צווישן דריי און פיר הונדערט.

—(::)—

ה. ס. ב. ס. פלאנט גרויסן פיקניק

די היברו סיק בענעפיט סאסייטי גרייט זיך צום דורכפיר פון א גרויסן פיקניק אין גרענד ביטש אין משך פון דעם זומער. די צייט און אלע אנדערע איינצלהייטן וועלן באצייטנס אנאנסירט ווערן אין דער צייטונג.

אוסטיצקי געפונען געוואָרן שולדיק אין דרייפאכן מאָרד

פארט פרענסעס, אָנט., יוני 14. אנאסטאסי אוסטיצקי איז אין היגן געשוואָרענעם געריכט געפונען געוואָרן שולדיק אינ'ם מארד פון דער פרוי און צוויי קינדער פון זיין שטיף־ברודער ניק סטאיקא, מארט 2טן, 1931, ארום פיינוואוד, אנט., און ער איז פאראורטיילט געוואָרן צו שטארבן אויף דער תליה דעם 18טן סעפטעמבער, 1931.

ווי ס'איז באקאנט געוואָרן אין געריכט פונ'ם פארהער פון די עדות, האט אוסטיצקי דערמארדעט אין דעם דערמאנטן טאג זיין שוועגערין, מרס. עני סטאיקא, און אירע צוויי טעכטער, אלגא, 18 יאר, און העלען, 8 יאר. ער האט זיי דערשטאכן מיט א מעסער, און מען האט זיי שפעטער געפונען טויט אין א טייך בלוט. ער האט אויך געשאסן פון א 22. ביקס די קינדערס ברודער, פיט סטאיקא, 15 יאר, אבער זיין וואונד איז געווען אן אויבערפלעכלאכע און ער איז געבליבן לעבן.

דער פאטער פון דער פאמיליע, ניק סטאיקא, איז דאן ניט געווען אין דער היים: ער האט געארבעט אויף דער סי. ען. אר. אין אלבערטא.

ניק האט געבראכט זיין האלבן ברודער אנאסטאסי קיין קאנאדע פון פוילן מיט 12 יאר צוריק. דער לעצטער האט עטלעכע חדשים געוואוינט ביי זיין ברודער, און דערנאך האט ער גענומען א האמסטעד א פאר מייל פון זיין ברודערס פארם, און ער פלעגט זיין אן אפטער גאסט אין ניקס היים.

נאכ'ן מארד איז אנאסטאסי אוועק צו פוס אין דער ריכטונג פון פיינוואוד. א שכן, וואס איז געפארן פארביי, האט אים גענומען אונטערפארן, און אויפ'ן וועג האט ער אים גארנישט ניט דערציילט. אנקומענדיק אבער קיין פיינוואוד, האט זיך אנאסטאסי געמאלדן צו דער פאליציי, האט דערציילט וועגן זיין דרייפאכן מארד און האט דערקלערט, אז ער וויל געהאנגען ווערן.

די מאטיוון פונ'ם מארד זיינען פאר ניק בליבן ניט דערקלערט.

צוויי טויט און אכט פארוואונדעט אין אוטאמאביל עקסידענטן

מאן דערטרונקען אין פישער־שיפל אין לאקפארט

צוויי טויט אין אוטאמאביל עקסידענטן, איינער דערטרונקען אין לאקפארט און 8 פארוואונדעט. איינעקע פון זיי ערנסט, זיינען די קרבנות פון פארשיידענע עקסידענטן וואס האבן נעכטן פאסירט ארום וויניפעג.

מרס. רזש. וואוליסאן, 30 יאר, פון וויניפעג, און פאטרישא וואוליסאן, איר 4־יאריקע טאכטער, זיינען אומגעקומען אין אן אוטאמאביל עקסידענט נעכטן ביי־טאג 3½ מייל פון קארמאן, אויף זייער וועג צוריק קיין וויניפעג. דער טרייבער פונ'ם אוטאמאביל, הארווי מעקגרעגאר, האט אנטויק פארלארן דעם קאנטראל איבער דער מאשין און זי איז אריינגעפארן אינ'ם בריק וואס געפינט זיך דארטן, צעשמעטערנדיק דעם אוטאמאביל. ער אליין ליגט איצט אן ערנסט פארוואונדעטער אין קארמאנער שפיטאל. נאך דריי מיידלאך וואס זיינען געווען מיט זיי זיינען לייכט פארוואונדעט געוואָרן.

דזשיימס מעקעי איז ערנסט פארוואונדעט געוואָרן און מרס. דזשאן קארין איז אפגעקומען מיט לייכטערע וואונדן, ווען דער אוטאמאביל אויף וועלכן זיי זיינען געפארן פון וויניפעג ביטש קיין וויניפעג האט זיך איבערגעקוליעט, ווי א רעזולטאט פון א "בלאו אוט" ארום 20 מייל פון ביטש.

נאך דריי מענטשן זיינען פארוואונדעט געוואָרן נעכטן אין פארשיידענע פארקער עקסידענטן אין און ארום דער שטאט.

סטיוו גנאנסקי, 30 יאר, פון 771 מעגנוס עוועניו, האט זיך נעכטן דערטרונקען אין לאקפארט, ווען דאס שיפל אויף וועלכן ער האט געכאפט פיש האט זיך אריינגעכאפט אין א "קעסל גרוב", און ער איז אריינגעשפרונגען אין וואסער צו רעטען זיך. ער האט איבערגעלאזן אן אלמנה מיט א קינד.

כוליגאנעס אטאקירן אידן אין ווארשעווער שטאַטיקן פארק

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

ווארשע, יוני 15 (איטא).— שבת אוונט האבן כוליגאנעס דא אטאקירט אידישע פארבייגייער אינ'ם שטאטיקן פארק, לויט א באריכט אין דער היגער פרעסע. זיינען צען אידן פארוואונדעט געוואָרן פון די כוליגאנעס און איין אידישער געשעפט, אויף זשעראמסקי גאס, איז צעפלינדערט געוואָרן.

די כוליגאנעס זיינען זיך צעלאפן, ווען די פאליציי איז אונטערגעקומען. פארשטארקטע פאליציי פאטראלן זוכן איצט ארום די כוליגאנעס.

עס ווערט באהויפטעט, אז די אטאקע איז געמאכט געוואָרן אויס נקמה פאר דער מפלה וואס די פוילישע ספארטסלייט האבן געכאפט פון די אידן אויפ'ן ספארט פעלד.

—(::)—

י. העסטרין אפגעפאָרן צום קאָנגרעס

י. העסטרין

י. העסטרין, פראָמינענטער פועלי־ציון פירער, איז נעכטן אפגעפארן פון דאנען קיין באזעל, צום ציוניסטישן קאנגרעס, ווי איינער פון די פיר דעלעגאטן וואס זיינען באשטימט געוואָרן צו פארטרעטן קאנאדע בייַם קאנגרעס.

מר. העסטרין וועט זיך באנוצן מיט דער געלעגנהייט צו באזוכן איינעקע פון די מזרח אייראפעאישע לענדער, באזונדערס פוילן און רומעניע, צו באקענען זיך דארטן מיט'ן אידישן לעבן ביי היינטיקן טאג. און ער האט אונז אויך אונזער בקשה צוגעזאגט צו טיילן זיך מיט זיינע איינדרוקן מיט די לעזער פון "דאס אידישע ווארט" דורך בריוו און ארטיקלען אין דער צייטונג.

פראָבירט אויסנארן געלט ביי זאמלערן אבער עס געלינגט ניט

א גרויסער מאן מיט א רויטן פנים און ניט שלעכט געקליידעט, איז שבת אינדערפרי צוגעגאנגען צו א מיידל ארום טשיילדס רעסטאראן, און ער האט געמאכט א פארזוך אויסצונארן ביי איר דאס ביסל קליינגעלט וואס זי האט געזאמלט אין דעם טעגטאג וואס איז אנגעפירט געוואָרן פון דער צער בעלי חיים ארגאניזאציע.

"גיט מיר אייער שאכטל מיט'ן געלט, מען האט מיך ארויסגעשיקט איך זאל צוזאמענקלייבן די קעסטלאך מיט'ן געלט פון די זאמלערנס און איך זאל עס אפטראגן אין דער הויפט קוואַרטיר", האט דער מאן געזאגט.

דאס מיידל וועלכע באטייליקט זיך שוין ניט דאס ערשטע מאל אלס א זאמלערן אין פארשיידענע זאמל־טעג, און זי ווייסט, אז זי אליין דארף אפטראגן דאס געלט אינ'ם געהעריקן פלאץ, האט פארשטאנען, אז דער מאן איז א שווינדלער, האט אים געענטפערט אז זי וועט זיך אליין באמיען אפצוטראגן דאס געלט, ווען די צייט וועט קומען.

ווען דער "קאלעקטאר" האט דערזען, אז דאס מיידל איז ניט קיין "גרינע", האט ער אנשטאט דאס געלט, זיך אליין אפגעטראגן און ער איז פארשוואונדן געוואָרן פון אירע אויגן.

עס איז א סברא, אז די פאליציי איז שטארק ברוגז אויף דעם דאזיקן פארשוין, און איז זייער נייגעריק צו וויסן ווער ער איז.

—(::)—

מזל טוב

א זון געבארן צו מר. און מרס. ה. גארדאן (פון ד. א. וו.). מוטער און קינד אין סט. באניפיים האספיטאל, אין בעסטן צושטאנד.

קאסע פון לייסעאום טעאטער ווידער אויפגעריסן און באַגנב'עט

צום צווייטן מאל אין וויניקער ווי צוויי חדשים צייט, איז די קאסע פון לייסעאום טעאטער, פארטעדזש עווע., אויפגעריסן געוואָרן צווישן 11.30 שבת ביינאכט און זונטאג אוונט, און די סומע צווישן $1,100 און $1,200 איז פון איר ארויסגנב'עט געוואָרן.

אלע טירן און פענסטער אין טעאטער זיינען געווען אומבארירט, ווען די גנבה איז אנטדעקט געוואָרן ארום 7.30 לעצטן אוונט, און עס איז א געהיימניש, ווי די גנבים האבן זיך אריין און ארויסגנב'עט. דער איינציקער דורכגאנג וואלט אפשר געווען די לאך פונ'ם פאבער, אבער דעם דורכגאנג איז גאנץ שווער צו דערלאנגען.

דער שלאס פון דער פייער קאסע איז געווען אויפגעריסן מיט ניטרא־גליסערין. קיין שפורן פון די גנבים זיינען ניטא.

—(::)—

פארהאנדלונגען בנוגע מאסול אויל־רערן פארענדיקט

פאריז, יוני 15 (איטא). — אלע פארהאנדלונגען בנוגע די אויל־רערן פון די מאסול אויל־פעלדער זיינען פארענדיקט זאגט א קאמוניקאט וואס די פראנצויזישע רעגירונג האט דא ארויסגעגעבן.

די מעלדונג זאגט אז די ארבעט אויף די רערן וועט זיך גלייך אנפאנגען און וועט געדויערן איבער צוויי יאר.

די רערן וועלן געצווייגן ווערן אין צוויי ליניעס ביז צום מיטללענדישן ים. איין ליניע וועט זיך ציען איבער פראנצויזישער טעריטאריע און וועט זיך ענדיקן אין טריפאלי, סיריע. די צווייטע ליניע וועט זיך ענדיקן אין חיפה, פאלעסטינע. עס ווערט אפגעשאצט אז די אויפבויאונג פון די ליניעס וועט אפקאסטן ארום פופציק מיליאן דאלאר. די מאסול אויל פעלדער זיינען פון די רייכסטע אין דער וועלט. די פארשיידענע קאמפאניס וואס האבן אן אינטערעס אין די אויל פעלדער האבן א לאנגע צייט ניט געקאנט אויסקומען צווישן זיך וועגן דער ריכטונג פון די אויל רערן.

—(::)—

סאָלדאטן באוואכן עדמאנטאן ארבעטסלאזע

דריי־און־פערציק סאלדאטן פון די לארד סטראטקאנא רייטער, באוואפנט מיט די ביקסן און שווערדן און מיט שטאלענע היטלען אויף זייערע קעפ, זיינען דורכגעפארן דורך די גאסן פון עדמאנטאן לעצטן שבת אינדערפרי.

"מיר זיינען דא אין עדמאנטאן אויף דער בקשה פון פרעמיער בראונלי", האט בריגאדיר גענעראל ד. מ. ארמאנד, אפיצער קאמאנדיר פון דיסטריקט נומער 13, געזאגט.

איבער זעכציק קאוואלעריסטן זיינען אנגעקומען אין עדמאנטאן פון קאלגארי, שבת אינדערפרי, און זיי זיינען גרייט פאר דעמאנסטראציעס פון די עדמאנטאנער ארבעטסלאזע.

—(::)—

אינדעפּ. בני־אברהם יובילייַ פייערונג נעכטן דורכגעפירט

די אינדעפענדענט בני אברהם סיק בענעפיט סאסייטי האט נעכטן געפייערט איר פופצנטן יובילייַ.

10.30 אינדערפרי האט די סאסייטי דורכגעפירט א פאראד. אלע מיטגלידער מיט זייערע פרויען האבן זיך פארזאמלט ארום פרייהייט טעמפל און פון דארטן זיינען זיי אפגעפארן אין דעקארירטע אוטאמאבילן איבער די גאסן פון דער נארט ענד צום סיטיהאל און צום פארלאמענט. פון פארלאמענט זיינען זיי געפארן צו זייער בית עלמין און צוריק צום טעמפל.

פינף אזייגער נאכמיטאג האבן זיי אפגעהאלטן אן אלגעמיינע פארזאמלונג, און 6.30 נ.מ. האט זיך אנגעפאנגען זייער באנקעט אין גרויסן תלמוד תורה זאל. א גוטער מאלצייט איז סערווירט געוואָרן אונטער אויפזיכט פון מר. דייוו שפיגל.

דער באנקעט איז דורכגעגאנגען אין דער בעסטער ארדענונג אונטער דער פארזיצערשאפט פון זייער פרעזידענט, מר. ל. לודוויק.

צווישן די איינגעלאדענע געסט זיינען געווען מעיאר וועב, אלדערמאן גרעי און דר. רידי, דער דאקטאר פון דער סאסייטי. זיי האבן אלע באגריסט די מיטגלידער מיט זייער יום־טוב. עס האבן אויך גערעדט יצחק טרוט, מר. גרין, זוקין, ליטמאן, לייכטער, שניידערמאן, זאסלאווסקי און א צאל אנדערע.

נאכ'ן באנקעט איז פארגעקומען א טאנץ און דער עולם האט פארבראכט ביז שפעט אין אוונט.

מעיאָר ר. וועב שטיצט פאספאָרטן סיסטעם פאר אויסלענדער

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

אטאווא, יוני 15 (איטא). — די געפאר פון א פאספארטן סיסטעם פאר קאנאדע ווערט שטארקער מיט דער וואקסנדיקער שטיצע וואס עס קריגט סענאטאר קאסגרעינס ביל צו רעגיסטרירן אלע אויסלענדער אין לאנד.

בעת די ווייטערדיקע דעבאטעס איבער דעם ביל אין סענאט איז א טעלעגראמע פארגעלייענט געוואָרן פון פערנאנד דופרען דירעקטאר פון מאנטרעאלער פאליציי דעפארטמענט, וואס לויטעט: כדי צו קאנטראלירן דעם אויסלענדישן עלעמענט, בין איך שטארק גענייגט צו א סיסטעם פון אידענטיפיקאציע קארטלאך אין קאנאדע, און באזונדערס אין מאנטרעאל".

אן ענלאכע טעלעגראמע איז אויך אנגעקומען פון מעיאר וועב. פון וויניפעג.

דער ביל גייט אריבער צו א ספעציעלער סענאט קאמיסיע פאר פארהאנדלונגען.

—(::)—

מ. א. גרעי צוריק פון רייזע אין דער איסט

אלד. מ. א. גרעי, סעקרעטאר פון אידישן אימיגראנטן הילף פאראיין, איז נעכטן געקומען צוריק פון א באזוך אין מאנטרעאל און אטאווא, וואוהין ער איז געפארן אין די אינטערעסן פון אידישער אימיגראציע.

ערשטער אויפטריט פון איד. געזאנג פאראיין פון קאלגארי מיטוואך

גראנדיעזער קאנצערט אין אלאזאר טעמפל, מיטוואך אוונט



פראפ. גרעגארי גארבאוויצקי

קאלגארי, אלטא., יוני 15 (ספעצ. צו ד. א. וו. פון ב. פערלמאן, פארזיצער איד. קולט. געז.). — איינע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען אין דער געשיכטע פונ'ם היגן אידישן ישוב ווערט דא דורכגעפירט דעם מיטוואך, יוני 17טן, 8.30 אוונט, אין דעם גרויסן זאל פונ'ם אל אזאר טעמפל, ווען דער היגער אידישער געזאנג פאראיין, אנגעפירט פונ'ם באקאנטן מוזיקער, פראפ. גריגארי גארבאוויצקי, וועט צום ערשטן מאל אויפטרעטן אין דער עפנטלאכקייט מיט א רייכן פראגראם פון אידישע לידער.

דער כאר פון 50 שטימען וועט באגלייט ווערן פון א גלענצנדן ארקעסטער. די פאלגנדע לידער וועלן פון אים געזונגען ווערן: שטילער, שטילער; מיין מיל, און א ביימעלע (פרויען שטימען); ארבעטער ליד, ציגיינער ליד, קינדערלאך קליינע, מיין ניט און בולבע (כאר).

אויסער כאר וועלן זיך אינ'ם פראגראם באטייליקן דזשין גילבערט (פיאנא), ליאנעל גודמאן (פידל), איזאב. לאגי (אקאמפ. מרס. א. קוק), — וואקאלע סאלאס.

די אונטערנעמונג ווערט דורכגעפירט אונטער'ן אויפזיכט פונ'ם קולטורעלן שטאט קאמיטעט, אין וועלכן עס זיינען פארטראטן די פרץ־שול, דער מוטער פאראיין און די איד. קולט. געז.. די ארגאניזאציע פונ'ם געזאנג פאראיין, וועלכער האט אריינגעבראכט א סך יום־טוב'דיקייט אינם היגן אידישן לעבן, און וועלכער ווערט דא פארערכנט פאר איינעם פון די גרעסטע קולטורעלע געווינסן.

א גרויסער עולם פון טויזנט מענטשן ווערט דערווארטעט צום קאנצערט, און אלע אידן פון קאלגארי און אומגעגנט וועלן זיכער ניט פארפעלן צו קומען צו דעם גרויסן יום־טוב פון אידישן ליד.

אומבאקאנטער אידישער יונגערמאן געשטארבן אין ריווערהורסט, סאסק.

די וואס וויסן פון זיינע קרובים זיינען געבעטן אפצורופן זיך

ריווערהורסט, סאסק. — יענע וואך איז אין שטעטל געקומען א אידישער יונגערמאן, א. ל. מארקס, א סטאק סיילסמאן, און אפזייענדיק דא א צוויי טעג, איז ער קראנק געוואָרן. אפגעלעגן צוויי טעג אין האטעל צימער און איז געשטארבן מאנטאג פרי, דעם אכטן יוני.

דער שרייבער פון די שורות איז דער איינציקער איד אין שטעטל און דערוויסנדיק זיך אז דער יונגערמאן איז קראנק געוואָרן, האב איך געפרואווט מיט אלע מעגלאכקייטן אויסצוגעפינען עפעס וועגן אים, אבער אן דערפאלג. ער האט אנגעגעבן פארשיידענע אדרעסן, אבער זיי האבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין ניט ריאַעל.

עס הייסט, אז ער זאל האבן געקומען פון וואנקאווער, ב. ק. זיין נאמען אין האטעל "רעדזשיסטער" איז א. ל. מארקס, א טייל אבער זאגן, אז ער האט זיך ארויסגעכאפט אז זיין נאמען איז ווירטעמבורג.

ס'הייסט אז ער האט א ברודער דזשא, אין טאראנטא, א שוועסטער אין קליוולאנד, א מאמע אין וואנקאווער, א מומע מרס. ד. פלענט אין וואנקאווער. אלע טעלעגראמעס וועלכע איך האב געשיקט אויף די אנגעגעבענע אדרעסן זיינען נישט געווען דערפאלגרייך.

דער היגער דאקטאר האט מיט אים שווער געארבעט. די שטאטישע מענטשן האבן פאר אים געטאן וויפיל ס'איז מעגלאך געווען.

ווי א נורס פון סאסקאטון האט מיר געזאגט דורכן טעלעפאן (ער איז קראנק געווען ארום פיר וואכן אין סט. פאולס האספיטאל, סאסקאטון) האט ער געזאגט, אז ער איז א מיטגליד פון בני־ברית לאדזש. זיין קערפער האב איך אפגעשיקט קיין רעדזשיינע.

ער איז געווען א הויכער, פינף פוס צען אינטשעס, געוואויגן 180 פונט, אינטעליגענט. ווער עס ווייס עפעס פון אים אדער וועגן זיינע קרובים, איז געבעטן צו לאזן וויסן דעם שרייבער פון די שורות, געא. סקולסקי, ריווערהורסט, סאסק.

פאָדערט נומערוס קלאַזוס פאר אידישע סטודענטן אין פאריז

(ספעציעל פאר ד. א. וו. דורך "איטא")

פאריז, יוני 15 (איטא). — א ביטערע אטאקע קעגן אידישע סטודענטן פון רומעניע וואס לערנען אין פראנקרייך ווערט פארעפנטלאכט אין דער צייטונג "עקא מעדיסין", אין אן ארטיקל פון פראפעסאר באלטאזאר, דעקאן פונ'ם מעדיצינישן פאקולטעט פון פאריזער אוניווערסיטעט.

פראפ. באלטאזאר איז שוין פריער באשולדיקט געוואָרן אין פארשלאגן א נומערוס קלאזוס קעגן אידישע סטודענטן אין פראנקרייך, אבער פריער האט ער עס געלייקנט. איצט קומט ער ארויס אפן מיט אזא פארשלאג, און פרעגט: "איז עס געווען צוליב אט דעם לעגיאן פון אידן וואס די פראנצויזישע רעגירונג האט געעפנט אירע אוניווערסיטעטן פאר רומענישע סטודענטן?"

באלטאזאר שלאגט דערפאר פאר א געמישטע פראנצויזיש־רומענישע קאמיסיע, וואס זאל אויסקלייבן די רומענישע סטודענטן פאר דעם מעדיצינישן פאקולטעט, מיט'ן צוועק צו שאפן א נומערוס קלאזוס פאר די אידישע סטודענטן.

גלייכצייטיק אטאקירט באלטאזאר די אידישע סטודענטן פון רוסלאנד.

בערלינער קהלה דערוויילט נייע באאמטע

בערלין, יוני 15 (איטא). — די נייע דערוויילטע פארטרעטער פון דער היגער קהלה האבן אפגעהאלטן א פארזאמלונג און דערוויילט א נייע עקזעקוטיווע.

די נייע עקזעקוטיווע באשטייט פון 7 ליבעראלן, דריי ציוניסטן און איין קאנסערוואטיוו.

דער מיטינג איז אפגעהאלטן געוואָרן אונטער דער פארזיצערשאפט פונ'ם ליבעראלן פירער, היינריך שטערן. מיט דעם דאזיקן מיטינג האט זיך אנגעפאנגען דער ליבעראלער רעזשים פון דער קהלה וועלכע האט פאר די לעצטע זעקס יאר צייט געהאט א ציוניסטישע מערהייט.

אגב - אורחא

פון מארק

די ירושלים דקאנאדע

מיר, וויניפעגער אידן, זיינען שוין געוויינט געוואָרן צו די קאמפלימענטן וואס חשוב'ע געסט מעבר לים און מעבר לגבול טיילן אונז אויס, ווי צו א "ירושלים דקאנאדע".

און אזוי ווי א דאנק אונזער גוטן נאמען אויף דער וועלט קומט מען צו אונז פון אלע פיר ווינקלאך פון דער ערד, — און מיר מוזן אנהאלטן אונזער גוטע רעפוטאציע, — קומט עס אויס, אז מיר באצאלן א גאנץ נישקשה'דיקן פרייז פאר די קאמפלימענטן, און מיר זיינען קווית . . .

זיינען מיר, הייסט עס, געוויינט געוואָרן צו די קאמפלימענטן, און מיר וויסן שוין מה יקר . . .

אבער אונזערע ניט־אידישע וויניפעגער מיטבירגער זיינען ממש פריטשמעליעט געוואָרן, ווען זיי האבן דערהערט אן ענלאכן קאמפלימענט אויפ'ן חשבון פון גאנץ וויניפעג.

און דעם קאמפלימענט האט געגעבן ניט קיין קלענערער, ווי סער יו ס. ראבערטאן, בארימטער מוזיקער פון שאטלאנד, וועלכער איז דא געווען ווי א ריכטער אין דעם מוזיקאלישן קאנקורס.

און ער האט דערקלערט וויניפעג ניט נאר פאר דער מוזיקאלישסטער שטאט אין קאנאדע, נאר אויך פאר דער אינטעליגענטסטער.

*

אוודאי גלעט זיך וויניפעג איבערן בעקל נאך אזא קאמפלימענט, און אפילו די באשיידענע וויניפעגער, וואס מאכן זיך כלומר'שט ווי זיי ווילן ניט אננעמען אזא הויכן קאמפלימענט, מאכן אבער דעם איינדרוק, ווי זיי וואלטן געזאגט:

"נו, מילא, מיר פאדרינגען עס ניט, אבער אז איר ווילט דאווקע, קאן מען זיך ניט העלפן".

די היגע צייטונגען גיבן אפ א היבש ביסל פלאץ צו דעם, און די "טריביון" האט געפונען פאר נויטיק אפילו צו אינטערוויוארן פראמינענטע בירגער פון שטאט וועגן סער יו ראבערטאנס מיינונג.

און א טייל פון די ענטפערס איז געווען: "א נייעס איז דאס? מיר וויסן דאך דאס שוין פון לאנג".

"א פראגע צי איז וויניפעג א מוזיקאלישע שטאט? אפילו די גנבים זיינען מוזיק ליבהאבער דא. א ראיה, איך האב געהאט א גוטע פידל, האט מען זי ביי מיר צוגעלאטכענט".

דאס זיינען געווען די לייכטערע ענטפערס. עס זיינען אבער געווען אויך זייער ערנסטע באמערקונג וועגן דעם:

וויניפעג האט בכלל זייער ערנסט גענומען דעם טיטול פון "ירושלים דקאנאדע".

*

און לאמיר דא צוגעבן צום כבוד פון אונזערע וויניפעגער בירגער, אז זיי האנדלען ניט ווי דברים אחרים און פארכאפן ניט דעם גאנצן כבוד פאר זיך.

און אמווייניקסטנס צוויי פון די אינטערוויואירטע פון דער "טריביון", צוויי פון די פראמינענטסטע בירגער פון שטאט, האבן זיך געטיילט מיט'ן כבוד מיט די "איילענס", די פרעמדגעבארענע, וועלכע סענאטאר קאסגרעין וויל עס רעגיסטרירן... איינער פון זיי (ווי ווייניק איר האט עס אפשר דערווארט) איז מעיאר וועב. דער צווייטער איז דזש. ה. עוואנס, דעפוטי מיניסטער פון אגריקולטור.

*

מעיאר וועב האט געזאגט:

"איך בין זיכער, אז די קאמבינאציע פון ענגליש־רעדנדיקע מיט די נייע קאנאדער איז פאראנטווארטלאך פאר דער אנטוויקלונג פון א הויכן קולטורעלן ניווא דא אין שטאט, בעת ס'איז שווערער צו דערגרייכן דאס זעלבע אין די עלטערע שטעט".

מר. עוואנס, וועלכער האט אין זיין אמט דורכגעטרייזט דורך גאנץ מאניטאבא, גיט דעם קרעדיט פאר וויניפעגס מוזיקאלישע דערגרייכונגען צו די פרעמדגעבארענע עלעמענטן אין שטאט און אין דער פראווינץ.

"א פאראינטערעסירטע אודיענץ איז פאר קולטור כמעט אזוי וויכטיק, ווי דער קינסטלער, — האט מר. עוואנס געזאגט. — און איך באמערק, אז די קאנצערטן פון די גרעסטע קינסטלער ווערן באזוכט אמבעסטן פון די פרעמדגעבארענע עלעמענטן".

וויניפעג, האט ער געזאגט, איז אפשר קאנאדעס קאסמאפאליטישסטע שטאט. און "פארשיידנארטיקייט איז ניט בלויז דאס געווירץ פון לעבן נאר אין די קולטורעלע ספערן קאן מען אן דעם ניט אויסקומען".

(איך רעכן די לעצטע באמערקונג פאר זייער וויכטיק, און איך שטרייך זי דערפאר אונטער).

*

א גוטע רעפוטאציע ליגט ארויף גרויסע פאראנטווארטלאכקייטן, און איך בין ניט גרייט צו באפרייען אונזערע ענגליש־רעדנדיקע מיטבירגער פון זייערע פארפליכטונגען, דורך אפגעבן אונז, איינגעוואנדערטע קאנאדער, דעם גאנצן קרעדיט פאר דער שטאטס גוטער רעפוטאציע . . .

איך האב, אויף וויפל אונזער היגער אידישער ישוב איז שייך, תמיד גע'טענה'ט פארקערט:

אויב מיר האבן פארדינט א גוטע רעפוטאציע, איז עס דערפאר וואס מיר לעבן דא אונטער גינסטיקערע באדינגונגען פאר אונזער זעלבסטטעטיקייט.

מערב קאנאדע, מיט איר ברייטהארציקער פיאנערן באפעלקערונג, פרייער ווי אנדערע פון איינגעווארצלטע פאראורטיילן איז פראגרעסיוו, און אין דער פראגרעסיווער סביבה מאכן מיר שוין אויך בעסערע פארשריט !